**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת מטות מסעי כ תמוז תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, מאנטאג פרשת מטות מסעי, כ״א תמוז תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן ; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג, און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

## א בקשה פאר תפלות פארן רבי׳ן

טייערע פני מאירות אידן, צוליב א געוויסע חולשה וואס דער רבי שליט״א גייט אדורך, וועט דער רבי דארפן דורכגיין אין די קומענדיגע פאר טעג געוויסע בדיקות און טעסטס. מיר בעטן פונעם גאנצן ציבור מתפלל צו זיין פאר מרן רבינו משה אליעזר בן מרים, אלע בדיקות זאלן צוריקקומען לטובה ולברכה לאריכות ימים ושנים, און ער זאל ווייטער קענען ממשיך זיין פאר אידישע קינדער מיט געזונטע כוחות. זייטס מתפלל , גייט צו מקומות הקדושים, לייגן קוויטלעך און מקבל זיין קבלות טובות. לזכות מרן רבינו משה אליעזר בן מרים אז אורך ימים אשביעהו ואראהו בישועתי, אמן כן יהי רצון.

## דער מוסר השכל פון די מ״ב מסעות

אין די הייליגע תורה שטייט די וואך די פרשה פון די מ״ב מסעות. מען דארף פארשטיין : וואס ברענגען ארויס די מ״ב מסעות פאר אונז היינט? די תורה איז דאך נצחי, וואס איז דער מוסר השכל אז די תורה פארשרייבט אונז די מ״ב מסעות וואס אידישע קינדער זענען דורכגעגאנגען אין מדבר?

## די מעשה פון רבי זכאי: אמונה פשוטה פון א קינד

די תשובה אויף דעם קען מען לערנען פון א מעשה מיט הגאון רבי שמואל אהרן יודעלעוויטש זצ״ל, וואס איז געווען פון די גדולי ירושלים. רבי שמואל אהרן האט דערציילט, אז ווען ער איז אלט געווען בערך פינף-זעקס יאר און ער האט געלערנט אין תלמוד תורה דארטן אין ירושלים ביי די חורבת רבי יהודה החסיד, פלעגן די קינדער ארויסגיין מיטאג צייט זיך שפילן און פארברענגען. ער פלעגט אבער אריינגיין אין די חורבה צו הערן א שיעור וואס רבי נטע ווייס, איינער פון די גדולי המגידים אין ירושלים, פלעגט פארלערנען.

איינמאל האט ער געהערט ווי רבי נטע ווייס פארציילט אזוי : עס איז געווען א איד, רבי זכאי. דער רבי זכאי איז געווען א תלמיד פון רבי חיים וואלאזשינער ; ער איז געווען אן עובד ה׳ און א קדוש ה׳ מנעוריו. מען פארציילט אויף דעם רבי זכאי, אז ווען ער איז געווען א יונגל און געלערנט אין חדר, פלעגט מען דאך אהיימקומען יעדן טאג נאכמיטאג, צו עסן מיטאג. איין טאג קומט רבי זכאי אהיים — ער איז נאך דעמאלטס געווען א יונגל אין חדר — ער קלאפט אויפן טיר, אבער די מאמע עפנט נישט די טיר. די מאמע איז נישט דארט געווען, די טיר איז געווען פארשלאסן, און ער איז געווען זייער הונגעריג. וואס זאל ער יעצט טון? **האט ער געזאגט א תפילה צום אייבערשטן. ער זאגט: ״רבונו של עולם, יעדן טאג גיבסטו פאר די מאמע צו עסן, כדי די מאמע זאל מיר קענען געבן צו עסן. יעצט אז די מאמע איז נישט דא און איך בין הונגעריג און איך וויל שוין צוריקגיין אין חדר, בעט איך דעם רבונו של עולם: גיב מיר עס גראד; גיב עס נישט דורך די מאמע, ווייל די מאמע איז דאך נישט דא. גיב מיר גראד צו עסן.״ מיט א פשוט׳ע אמונה און מיט תמימות, האט דאס פינף-זעקס יעריג אינגל געבעטן ביים אייבערשטן, וויסנדיג אז ער שיקט אים יעדן טאג דאס עסן און אלעס קומט פונעם אייבערשטן; נאר געוועינליך גיבט ער עס קודם פאר די מאמע זי זאל עס אים געבן. אבער היינט אז די מאמע איז נישט דא און די טירן זענען פארשפארט, זאל אים דער אייבערשטער אליין געבן גראד צו עסן.**

**הפלא ופלא, דערציילט ער ווייטער, אזוי ווי ער האט געענדיגט זאגן די תפילה, האט ער פלוצים אנגעהויבן שפירן זאט; ער איז מער נישט געווען הונגעריג. דער הונגער איז אינגאנצן אוועקגעגאנגען, ער האט זיך באמת גוט געשפירט, ער איז געווען זאט און אין א גוטער שטימונג. ער איז צוריקגעגאנגען אין חדר און פיין געלערנט, און ערשט נאכן חדר איז ער אהיימגעקומען. די מאמע האט אים געפרעגט: ״זכאי, וואס האסטו געגעסן ביי מיטאג?״ האט ער געענטפערט: ״מאמע, וואס הייסט וואס איך האב געגעסן? דאס וואס דער אייבערשטער אליין האט מיר געגעבן, אן קיין שום שליח; הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו!״ ער האט דערציילט פאר זיין מאמע, אז ער איז געווארן זאט פון דעם וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן צו עסן ביימיטאג.**

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, די תמימות פון אן ערליכן איד וואס איז געבוירן געווארן בקדושה ובטהרה, מיט אמונה און בטחון, מיט שמחה און מיט א נאנטקייט להקדוש ברוך הוא. ער האט באמת געגלייבט אז דער אייבערשטער געבט אים יעצט צו עסן. ער האט זיך געשפירט זאט, ער האט געשפירט אז ער דארף נישט עסן און נישט טרינקען ; ער האט באקומען א גוטע געמיט און ער האט געקענט

רואיגערהייט גיין אין חדר לערנען און צו שפירן קיין הונגער.

## מיר דארפן לעבן מיט תמימות און בטחון

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, "התהלך עמו בתמימות", "תמים תהיה עם ה' אלקיך". מיר דארפן גלייבן אינעם אייבערשטן אז ער איז דער "זן ומפרנס לכל". אויסער דעם וואס אלעס וואס מיר האבן קומט פונעם אייבערשטן, גלייבן מיר אויך אז דער אייבערשטער מאכט אונז זאט. אז א איד גלייבט דאס באמת, ווערט ער זאט אפילו ווען ער עסט נאר אביסל קימא, כמאמר חז"ל: "אוכל קימא ומתברך במעיו".

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אזוי דארף זיין ביי יעדע זאך. ווען א מענטש גייט אדורך צער און עגמת נפש – ווער מאכט דען דעם צער און עגמת נפש? דער הייליגער באשעפער שיקט זיינע שליחים. אבער אז א איד גלייבט אז נאר דער אייבערשטער קען אונז מציל זיין, נאר דער אייבערשטער קען אונז אוועקנעמען אונזער צער און עגמת נפש, נאר דער אייבערשטער קען אונז געבן אלעס וואס מיר דארפן און נישט קיין בשר ודם, פלוצלינג הייבט מען אן שפירן זאט; מ'האט נישט קיין יסורים, מ'האט נישט קיין שוועריגקייטן, אלעס איז שוין מסודר.**

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? אויב א פינף-זעקס יעריג אינגל האט דאס געקענט שפירן, קענען מיר דאס נישט שפירן? דאס קען יעדער שפירן! לעבן מיט תמימות: דער אייבערשטער מאכט זאט, דער אייבערשטער נעמט אוועק צרות, דער אייבערשטער נעמט אוועק יסורים, דער אייבערשטער נעמט אוועק ווייטאגן, דער אייבערשטער גיט אונז חן, דער אייבערשטער באשאפט אונז א ווארעמקייט, דער אייבערשטער גיט אונז מיר זאלן שפירן גוט. אלעס, אלעס גיט אונז דער רבונו של עולם, דער אייבערשטער.

**און אז מיר גלייבן אין דעם, שפירט מען עס. מ'שפירט אז מיט דעם ביסעלע עסן ווערט מען גאר זאט; מיט א ביסעלע השתדלות אין פרנסה איז דא אסאך פרנסה. מיט'ן גלייבן אינעם אייבערשטן אז די אלע שוועריגקייטן טוט דער אייבערשטער לטובה ולברכה, לששון ולשמחה, לשלום ולנחמה, ווערט פלוצלינג א ברייטקייט, א רואיגקייט, א מנוחת הנפש, א שמחת החיים. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווען מ'זעצט זיך לערנען, דאווענען, קיום מצוות ומעשים טובים, ווען מ'הארעוועט אויף פנים מאירות אשב"ש, מ'הארעוועט צו זיין נאנט צו דעם אייבערשטן, מ'גלייבט**

דערמיט שפירט מען עס, דער אייבערשטער געבט אונז דאס צו שפירן. אבער מיר דארפן זאגן: "רבונו של עולם, מיר האבן נישט קיין 'כחי ועוצם ידי', מיר קענען גארנישט טון אליין, מיר קענען זיך נאר פארלאזן אויף דיר." הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אויף יעדע טריט און שריט קען מען שפירן דעם יד ה', מען דארף נאר גלייבן און גלייבן, זיין רואיג און זיין בשמחה. מען שפירט עס טאקע, דער הייליגער באשעפער געבט עס צו שפירן, הפלא ופלא.

## די מעשה פון רבי אלעזר בריזל: מקרב זיין א איד מיט ליבשאפט

ס'איז געווען אין ירושלים א איד, רבי אלעזר בריזל, ער איז געווען פון די גדולי ירושלים. איינמאל איז אריינגעקומען א קאר אין א אידישע געגנט אין ירושלים, דער עולם איז זיך צוזאמגעלאפן און מ'האט אנגעהויבן שרייען "שבת!", און פארשטייט זיך, מ'האט אים נישט געלאזט ווייטער פארן, מ'האט אים פארשטעלט דעם וועג און אים ארומגענומען פון אלע זייטן.

רבי אלעזר בריזל האט געזען אז ס'גייט דא קומען צו אנגעשטרענגטע געוואלדטאטן, איז ער צוגעגאנגען צום דרייווער וואס האט געפירט דעם קאר. "קום," זאגט ער אים, "איך וויל כאפן מיט דיר א שפאציר, איך וויל עפעס רעדן מיט דיר." ער האט אים אנגעהויבן מסביר זיין די חומר פונעם שבת, דעם געשמאק פונעם שבת, און די ליבשאפט פונעם שבת. אויף אלע שפראכן האט ער אים פרובירט מסביר צו זיין די גרויסקייט פונעם שבת און וואס פאר א שרעקעדיגע עבירה חילול שבת איז, ביז דער דרייווער האט עס אנגענומען און מקבל געווען. ער האט אים געפרעגט: "וואס זאל איך יעצט טון?" האט אים רבי אלעזר בריזל געזאגט: "קום." ער האט אים איינגעלאדן צו די שבת'דיגע סעודה, ער זאל דארט בלייבן ביז מוצאי שבת. יענער האט אנגענומען זיין עצה און אנגעהויבן גיין, אבער פלוצים זאגט ער: "איין מינוט, איך דארף דאך אויסלעשן דעם מאטאר און צומאכן די טירן פונעם קאר עס זאל זיין געהיטן."

ר' אלעזר בריזל האט אים געזאגט: "צומאכן טאר מען נישט, מ'טאר נישט אויסלעשן א קאר שבת. אבער לגבי דעם ענין פון אפהיטן אז קיינער זאל עס נישט גנב'ענען, היות דו קענסט דאך נישט אויסלעשן דעם מאטאר, די מאשין, און דו קענסט נישט צושפארן די טירן, וועל איך דא בלייבן זיצן און היטן אויף דיין קאר א גאנצן שבת. דו זאלסט גיין צו איינע פון די שכנים וואס איך וועל דיך שיקן, און דארט היטן דעם שבת ווייטער, עסן די סעודות און זיך דערנענטערן צום אייבערשטן."

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת מטות מסעי כ תמוז תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

ר' אלעזר בריזל האט גענומען א בענקל מיט א שטענדער און זיך געזעצט לערנען, היטנדיג אויפן קאר. דער סטראפקאווער רבי זכרונו לברכה איז פונקט אדורכגעגאנגען און ער זעט ר' אלעזר בריזל זיצן מיט א שטענדער, א בענקל און א גמרא אינמיטן גאס, לעבן א קאר וואס ארבעט. ער האט אים געפרעגט וואס דא גייט פאר, האט ער אים מסביר געווען אז ער האט צוגעזאגט פאר דעם איד אז ער וועט אים אפהיטן דעם קאר, און ער מוז האלטן זיין ווארט, היות ער האט דאך געברענגט יענעם צו דער קדושה פון שמירת שבת. האט זיך דער סטראפקאווער רבי אנגערופן: "נו, איך וויל דאך אויך זיין א שותף!" ער האט געשיקט זיין גבאי ברענגען א שטענדער מיט א בענקל, ווייל ער וויל זיך אויך דארט זעצן לערנען. אזוי האבן זיך ר' אלעזר מיט'ן סטראפקאווער רבי געזעצט לערנען דארט אויפן גאס, אפהיטנדיג דעם קאר.

און אזוי ווי די תלמידים פון ביידע גדולים האבן געזען אז זיי זיצן אינמיטן גאס און לערנען אויף א שטענדער, בשעת זיי היטן אפ דעם קאר, האבן זיך צוזאמגענומען נאך תלמידים וחסידים; יעדער האט זיך באזארגט מיט א בענקל, א שטענדער און א גמרא, און אינמיטן גאס האט זיך אנגעפאנגען א געוואלדיגער קול תורה. מוצאי שבת איז דער איד געקומען זען וואס טוט זיך מיט זיין קאר, און ער זעט נישט מער און נישט ווייניגער ווי רבי אלעזר מיט'ן סטראפקאווער רבי'ן היטן אויף זיין קאר אינאיינעם מיט א גאנצן עולם, דורך זיצן און לערנען מיט א קול תורה. ער איז אזוי נתרגש געווארן, אז ער איז געווארן א בעל תשובה און האט מקבל געווען אויף זיך עול תורה ומצוות.

**דער כח פון מתיקות און ווארימקייט אין אידישקייט וויאזוי מיר קענען משפיע זיין אויף אנדערע**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן זיך אריינטראכטן אין די מעשה און זיך עס גוט איבערחזר'ן. וואס מיר זעען ארויס פון די מעשה איז, אז ווען א איד וויל מקרב זיין א צווייטן איד ער זאל צוריקקומען תחת כנפי השכינה, און ער וויל אים מאכן ליב האבן דעם אייבערשטן, ליב האבן אנדערע אידן און ליב האבן אידישקייט – וואס האט ער געטון מיט אים? ער האט אים געגעבן צו פילן די מתיקות און די זיסקייט פון זיין א איד. וויאזוי? דורך וויזן: "איך וועל דיר אפהיטן, איך וועל מיך מוסר נפש זיין פאר דיר, און איך וועל אהערברענגען די בני ישיבה צו דיר."

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז דאך אזא התקרבות, אזא ווארימקייט, אזא דערהויבנקייט, א וואונדער אז דאס האט געברענגט אז דער יונגערמאן זאל ווערן א בעל תשובה. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, **מיר קענען דאס אלעס טון ביי קירוב קרובים אויך.** מיר דארפן נישט פארטרייבן קיין מענטשן; מיר קענען ווייזן פאר די מענטשן ווי חשוב זיי זענען ביי אונז, וויאזוי מיר ווארטן אויף זיי, און מען ווייזט ליבשאפט און מען ווייזט דערהויבנקייט.

**סיכום און א הארציגע ברכה**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן וויסן **די צוויי יסודות: דער הייליגער באשעפער האט אונז אראפגעשיקט אויף דער וועלט מיט א תפקיד, יעדער האט א תפקיד. דער עיקר תפקיד איז צו לעבן בתמימות, מיט דער ריכטיגער אמונה פשוטה אז נאר דער אייבערשטער טוט, און אלעס קומט פונעם אייבערשטן. און אז מען רעדט צום אייבערשטן, מען בעט דעם אייבערשטן און מען איז מתפלל צום אייבערשטן, געבט דער אייבערשטער אריין דעם טעם אן די אלע חיצוניות'דיגע זאכן. הפלא ופלא!**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן זיך מחזק זיין, מען דארף זיך שטארקן, מען דארף הארעווען און אריינלייגן קאפ און מוח אין תפילה, אויף צער גלות השכינה און אויף תיקון חצות. בעטן ביים אייבערשטן "כי לישועתך קווינו כל היום" – די ישועה, רבונו של עולם, זאלן מיר שוין האבן. דאס איז די תפילה פון "כי לישועתך קווינו כל היום" – דעם אייבערשטנ'ס ישועה; נישט טראכטן פון זיך, נאר זיך מוסר נפש זיין פארן אייבערשטן. "ישמחו במלכותך" – אונזער שמחה איז די מלכות שמים וואס זאל זיך אנטפלעקן במהרה בימינו.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר זיך אלע שטארקן און מחזק זיין איינער דעם צווייטן מיט א תמימות'דיגע ריינקייט, מיט א פנים מאירות אש בש, מיט גוטע מידות, מיט דביקות הבורא און מיט'ן היטן די תורה. דער הייליגער באשעפער זאל שיקן פאר יעדן איינעם אלע לעכטיגקייטן, אך טוב וחסד, בשורות טובות, ישועות ונחמות, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

## זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211